NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13329

ZYAMELE MAROS

Iashe Zel'din

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יאַ. זעלרינ

זיאמעלע מאטראָס

מעלוכע-פארלאג „דער עמעס“, מאסקווע 1941

13/11001

י. זעלדין

משה אראנ...
נוי-יארק

זיאמעלע מאטראָס

צייכענונגען
ג. אינגער

...אין פרעסע ארכיון

מעלוכע-פארלאג „דער עמעס“, מאָסקווע, 1941



זיאמעלע מאטראָס

זיאמעלע א פעטער האָט,
דינט ער אין דעם רויטן פלאָט
אף א שיף א גרויסער,
אף א רויטן קרייסער.

קומט צוגיין דער פעטער אָפט
און דערציילט אים אָן א סאָף
וועגן יאם דעם טיפן,
וועגן גרויסע שיפן.

ער דערציילט ביז שפעטער נאכט,
ווי מע פירט אין יאם א שלאכט.
ער דערציילט אים, זיאמען,
וועגן רויטע יאמער:

אַלע יונגעט איינס אין איינס,
האַרטע מוסקולן ווי שטיינער,
מונטערע און שטאַרקע
מיט געזונטע קאַרקן.

און זיי שווימען נאָכאַנאַנד,
און באַהיטן אונדזער לאַנד
זיכערע און דרייסטע
אויף די רויטע קרייסערס.

נאָך דערציילט דער פעטער אים,
ווי מאַטראָסן קלעטערן
פלינק אַזוי און-האַסטיק
אויף די הויכע מאַסטן.

פון די מאַסטן זעט מען ווײַט,
אַלץ באַמערקט מען צו דער צײַט.
נעמט דער פֿײַנט זיך רוקן
גיט מען פֿײַער אין שנוק אים.

האָט זיך זיאַמעלע פאַרטראַכט:
סאַראַ וווּנדער, סאַראַ פּראַכט!
און באַשלאָסן האָט ער
זײַן אַ רויטער פלאָטער.

און ער זאָגט צום פּעטער קלאָר:
— מיר איז דאָכ שוינ זיבנ יאָר,
וואָס וועל איכ דאָ וואַרטנ
בא דער מאַמעס פּאַרטעכ?

פּאַק מיר גיכ די זאַכנ אײַנ,
כ'וויל א רויטער פלאָטער זײַנ,
כ'וויל מיט דיר צוזאַמענ
שווימענ אפ די יאַמענ.

זאָגט דער פּעטער אים: — פאַראַנ!
דאָס איז ניט קיינ שלעכטער פּלאַנ.
כ'וועל דיכ שטעלנ, ברודער,
אפנ שיפ באַם רודער.

נאָר דערווײַלע, ליבער פרײַנט,
דעק זיכ צו און שלאָפ איצט אײַנ.
ווי עס וועט נאָר קלאָרנ
נעמענ מיר און פאָרנ.

האָט זיכ זיאַמעלע דערפרייט,
אינ דער קאָלדרע זיכ פאַרדרייט.
זיכ פאַרשטעקט אינ קישנ
אינ א שלאָף א זיסנ.

זעט ער, זיאמע, פונ דיוואנ
פליט אראָפ זײַנ ׳עראָפלאנ,
שטעלט זיכ אפ א רעגע
פונקט בא זײַנ געלעגער.

האָט ער, זיאמע, ניט געטראכט
די קאבינע אופגעמאכט,
אינ קאבינע, זעט ער,
דאָרטנ זיצט דער פעטער.

רעדט ער, זיאמע, ניט קיינ וואָרט,
ער שליסט אײַנ דאָרט דעמ מאָטאָר,
אונ עס הייבט אָנ שנעלער
ווישנ דער פראָפעלער.

אונ די מאמע בא דער זײַט
פאָכט צו זיאמעלענ אונ שרײַט:
— שווימ איבער די יאמענ,
ניט פארגעס די מאמע.

— פאָר, מײַנ זונעלע, מיט גליק,
קומ געזונטערהייט צוריק,
זאָלסט אינ יאמ זיכ היטנ
פאר די גרויסע קיטנ.

הייבט זיך אויף דער ׳עראָפּלאַן
און ער פֿליט איבערן לאַנד,
איבער בערג און טײַכן,
איבער פֿעלדער רײַכע.

אינעם פּרײַען ברייטן סטעפּ
שווימען נײַ־געבויטע שטעט,
אין די טאָלן שלענגלען
באַנען שמאָלע סטענגעס.

פּלוצלינג שרײַט דער פעטער: — סטאָפּ!
לאָז זיך, פּרײַנט מײַנער, אַראָפּ.
הערסט דעם יאַם דאָרט ברומען?—
מיר זײַנען געקומען!

האָט זיך זיאַמעלע דערפרייט.
ס׳ליגט דער יאַם פאַר אים צעשפּרייט —
ברייט און אומגעהויער
און אַזאַ מין בלויער.

ווײַסע רוישנדיקע וואַלן
וואַקסן אויסעט און צעפאַלן,
און מיט טויזנט זונען
איז דער יאַם פאַרשפּונען.

אינ די הייכנ אינ די פרײַע
מעוועס טויכנ זיכ אונ שרײַענ,
אינ די גרינע טיפנ
די דעלפינענ שטיפנ.

שטייט ער, זיאמעלע, אונ גאפט:
„מאמע מײַנע, מאמע,
סארא שיינקײַט, סארא קראפט
אָט דער בלויער יאמ איז!"

— פעטער, כ'האָב שוינ ניט קיינ צײַט, —
הייבט אָנ זיאמע טײַנענ, —
ווײַז מיר גלײַכ, אינ וועלכער זײַט
שטייט דער קרייסער דײַנער.

ענטפערט אימ דער פעטער אָפ:
— א געזונט דיר אינ דײַנ קאָפ!
אויב דו וועסט זיכ אײַלנ,
וועסטו זיכ צעבײַלנ.

פלוצלינג שווימט ארויס א קאטיער,
אפנ באָז א פלאג עס פלאטערט,
פונ די מעסער־שרויפנ
כוואליעס זיכ צעלויפנ.

אפנ קאטיער בא דעמ רודער
שטייט א יאט א גוטער=ברודער.
פונ זײַנ היטל הענגענ
צוויי מאטראָסנ=סטענגעס.

שרײַט צו אימ דער פעטער: — סטאָפּ!
אונ דער קאטיער שטעלט זיכ אָפּ.
שפּרינגט ארויס פונ קאטיער מונטער
א רויטפלאָטלער א געזונטער.

לויפט ער צו צומ פעטער שנעל,
גיט זיכ בראוו לעמ אימ א שטעל.
גיט א הייב די האנט צומ היטל,
ווי א פלאָטמאנ א געניטער.

אונ ער גיט א ראפּאָרטיר:
— געהערטער כאווער קאָמאנדיר,
מעלדנ אײַכ איכ האָב די עריע,
כ'בינ פונ קרייסער „קאָמינטערנ",

מיר האָט מענ געהייסנ גלײַכ
אָפּפירנ צומ קרייסער אײַכ!



גיט דער־פּעטער אים די האַנט,
זאָגט צום פּלאָטמאַן: — זײַט באַקאַנט!
דאָס איז מײַן פּלימעניק זיאַמע
ער וויל אויכעט זײַן אַ יאַמער.

קוקט ער, זיאַמעלע, און קוועלט:
„סאַראַ גיבער, סאַראַ העלד!״
שטרעקט ער אויסעט, אים די האַנט:
— לאָמיר, ברודער, זײַן באַקאַנט.

שרײַט דער פּלאָטמאַן אויס: — פּאַראַן!
נאַ דיר, ברודערקע, מײַן האַנט,
מירן, ברודער זיאַמע,
שטענדיק זײַן צוזאַמען.

זעצט זיך זיאַמעלע אַרײַן
מיטן פּעטער, מיט זײַן פרײַנט
אין דעם שנעלן קאַטיער
לעם דעם פלאַג, וואָס פלאַטערט.

טוט אַ טראַסקע דער מאָטאָר,
רײַסט מען האַסטיק זיך פון אָרט
אַזש דער ברעג אַהינטער
וווּנדערלעך פאַרשווינדט ער.

פלוצלינג איז א ווינט פון צאָפן
אפן קאטיער אָנגעלאָפן,
טוט דער ווינט א וואָיע
אפן יאַם דעם בלויען.

טוט דער יאַם זיך א צעשטורעם,
וואקסן וואסער־בערג ווי טורעמס,
און די כוואַליעס ווערן
ווי די ווײַסע בערן.

הייבט דעם קאטיער אָן צו וואַרפן
אפ די וואסער־בערג די שאַרפע,
שלײַדערט אים אָן ענדע
ווי א דינעם שפענדל.

שרײַט צו זיאַמעלען דער פעטער:
— ווי געפעלט דיר סאַרא וועטער,
ס'זײַנען אונדז באַפאַלן
אַלע דרײַצן באַלן!

ענטפערט זיאַמע: — דרײַצן באַלן!
זאָלן דרײַסיק אונדז באַפאַלן!
כ'בין א רויטער פלאָטער,
כ'הער זיי ווי דעם קאָטער!

מעג דאָרט זײַן דער ווינט דער גרעסטער,
איך וועל זיך מיט אים פארמעסטן.
זאָל דער ווינט ניט מיינען,
אז כ'וועל זיך צעוויינען.

שרײַט דער פעטער: — ביסט א יאט,
כ'האָב קײַן טאָעס ניט געהאט,
דו וועסט, ברודער זיאמע,
זײַן א גוטער יאמער.

שרײַט דער כאווער בא דער זײַט:
— דו ביסט, ברודערקע, א לײַט;
דו וועסט, ברודער זיאמע,
זײַן א גוטער יאמער.

שרײַען אין דער הייך די מעוועס,
און די ווײַסע כוואליעס רעווען:
— אונדזער כאווער זיאמע
איז א בראווער יאמער!

———

אָפּגעהוליעט, אָפּגעשפּילט,
האָט דער שטורעם זיך געשטילט.
ס'איז דער יאַם געוואָרן
בלויער נאָך און קלאָרער.

פלוצלינג וואַקסט אַנטקעגן אויסעט
ווי אַ באַרג אַ שיף אַ גרויסע,
און דער מאַסטבוים הויערט
אין דער הייך דער בלויער.

אויפן שיף דריַי קוימענס שטאַרצן,
שלאָגט פון זיי אַ רויך אַ שוואַרצער
און די שיף איינגאַנצן
איז אין שטאָל געפּאַנצערט.

קוקט ער, זיאַמע, אין שפּאַקטיוו,
ס'איז אַן אויפשריפט אויפן שיף —
גרויסע אויסגעשניטענע שווערע:
קרייסער „קאָמינטערן".

פונעם קרייסער אויף די קייטן
לאָזט זיך שנעל אַראָפּ אַ לייטער,
גלייַך ער וואָלט זיך בעטן:
„טייַערינקע, קלעטערט".

קלעטערט זיאמעלע און קלעטערט
מיט זײַנ כאווער נאָכנ פעטער,
אזש בא יעדנ טראָט אימ
עס פארכאפט דער אָטעמ.

אפנ שיפ האָט זיי באגעגנט
מיט א שאל דער האָרנטרעגער,
און דעמ באָצמאנס דודע
האָט זיך הויכ צעהודעט.

האָבנ אײַליק זיכ צעשאָטנ
רירעוודיקע רויטע פלאָטער,
זיכ געשטעלט צו צווייענ
אינ צוויי שטרענגע רייענ.

און פּאָרויס דער עלטסטער וואַכטמאַן
דונערט אויסעט: — מאַנשאַפט אַכטונג!
בלײַבט מען שטיין ווי איינער
שטילע, ווי פאַרשטיינערט.

און דער פעטער ווי געהעריק
גריסט דער מאַנשאַפט מיליטעריש,
גריסט זיי זיאַמע אויכעט
אַפּ אַ קאָל אַ הויכן:

— איר זײַט, יאַטן, מיר געפעלן,
איך וואָלט טאַקע זייער וועלן
זײַן מיט אײַך צוזאַמען,
שווימען אַפּ די יאַמען.

נאָך אַזאַ מין ווילער רעדע,
אַרום זיאַמען ווערט אַ רעדל.
שטרעקט ער, זיאַמעלע, די האַנט,
ווערט מיט אַלעמען באַקאַנט.

מיטאַמאָל דערזעט ער, זיאַמע,
אַפּן שיפּדעק דעם גראַמען,
וואַקלענדיק זיך הין און הער,
גייט אַ גרויסער ברוינער בער.

קריכט דער ברוינער בער און סאָפּעט,
מיט די לאַפּעס קרום ער טאָפּעט,
מיטן שווערן גוף ער דרייט —
גלײַך אַפּ זיאמעלען ער גייט.

זיאמעלען א שרעק כאַפּט אָנעט,
נאָר ער מאכט א שטרענגגן פּאָנעם
און ער שרײַט: — א ביקס אהער,
כ'וועל דערשיסן גלײַך דעם בער!

זאָגט מען אים: — צו וואָס דערשיסן?
ס'גייט דער בער מיט דיר זיך גריסן.
— בערל, בערל, קום אהער
זיאמעלען א כאַוער ווער.

לאָזט דער בער זיך לאַנג ניט בעטן,
רויק און פּאַמעלעך טרעט ער.
ער גייט צו און טוט א ברום,
ער נעמט זיאמעלען ארום.

נאָכדעם בייגט ער אײַן א זײַטל
גלײַך ער בעט זיך: „זעצט זיך רײַטן".
ווערט דאָ זיאמע בא זיך שטארק,
זעצט דעם בער זיך אַפּן קאַרק.



רײַט ער, זיאמע, אזוי מוטיק,
גלעט דעם בער דעם װײכן פוטער,
און דער בער מיט א געברום
טראָגט אים אפן שיפּ ארום.

איבער לאנגע קרומע לײטערס,
װי די שלאנגען די געדרײטע,
טראָגט ער, זיאמעלען, געשװינד
דורך א לאנגן לאבירינט.

קאָרידאָרן, קאָרידאָרן
אײנס אין אנדערן פארלאָרן.
רונדע פענצטער אין די װענט
אָן א צאָל און אָן אן ענד.

אין די קובריקעס די לאנגע
טישן װיגן זיך צעהאנגען,
און די בעטן זײַנען אױך
צוגעבונדן אין דער הױך.

האלט דער בער אים אין אײן פירן
אין דערפירט אים צו א טירל.
האָט ער, זיאמע, ניט געטראכט
און דאָס טירל אופגעמאכט.

קוקט ער זיכ ארומעט, זיאמע,
ס'איז א זאל אזא גערא מער,
און אינגאנצנ איז דער זאל
איינגעפאנצערט אינ מעטאל.

און דערביי די קעסל=הייצערס,
מיט געזונטע ברייטע פלייצעס,
אפ דער וואכטע נאָכאנאנד
גיבנ אכטונג אפנ בראנד —

ס'זאָלנ פאָמפענ די מאשינענ,
ס'זאָל דער נאפט דורכ רערנ רינענ,
און די קעסלענ אקוראט
זאָלנ פרעסנ נאפט צו זאט.

וועט דאָס וואסער אינ די קעסלענ
זידנ היציקער און בעסער,
און אינ הייסנ לאנגנ קאמפ
וועט פארוואנדלענ זיכ אינ דאמפ.

וועט דער הייסער דאמפ זיכ הויבנ
און א שפאר טאָנ דורכ די טרויבנ,
און געשווינד אהינ, אהינ —
צומ צילינדער פונ מאשינ.

ווֹעט די קאָלבע אין צילינדער
לויפן האסטיקער, געשווינדער
און באוועגן אין געלויף
פון דער שיף דעם שארפן שרויף.

קוקט ער, זיאמעלע, פארצויבערט
אף די קעסלען, אף די טרויבן,
און באגײַסטערט ער באשליסט:
— איך מוז זײַן א מאשיניסט.

אונטער מילכיק־ווײַסע טעלער
שײַנען ליכטיק לאָמפּן העלע,
מעכאניזמען אף די ווענט
אָנגעשײַערטע ביז בלענד.

און אין ברייטן זאל אינמיטן
שטייען קעסלען צען צעגליטע,
אין די קעסלען שפארט מיט קראפט
דורכ א טרויב צעשטויבטער נאפט.

זעצט דער נאַפט מיט אזא ברומען,
כאפט א פלאמ דעמ נאפט ארומעט,
און דאָס פײַער פרעסט און רוישט,
און דער דאמפ אין קעסל ברויזט.

אפּ די שטאַנגעס פֿונעם גאַנעק
איז געשטאַנען דער מעכאַניק, —
שרײַט ער, זיאַמעלע, צו אים
מיט אַזאַ מין דרײַסטער שטים:

— מיר געפֿעלן די מאַשינען,
כ'וויל זיך שטעלן זײַ באַדינען!
מיר האָט זיך פֿון אַלעמאָל
זײַן אַ מאַשיניסט געוואָלט.

ענטפֿערט זיאַמען דער מעכאַניק
פֿון דעם הויכן שטאַנגען־גאַנעק:
— איך דערלויב דאָס דיר, געוויס.
ביטע, זײַ אַ מאַשיניסט!

נאָר אַפֿריִער, פֿרײַנט מײַן ליבער,
לויף אין קובריק טו זיך איבער,
קום צוריק אַהער, און דאַן
וועסטו גלײַך מײַן רעכטע האַנט.

לויפֿט ער, זיאַמע, איבערטאָן זיך,
נאָר פֿון פֿרייד האָט ער פֿאַרבלאָנדזשעט.
ס'איז דער קרייסער אַזוי גרויס
ניט ער ווייסט וווּ אײַן וווּ אויס.

זוכט ער וועמען זאָל ער פֿרעגן,
ערשט דער בער אים שפּאַנט אַנטקעגן,
נעמט דער בער אים גלײַך אַרויף
אויף זײַן רונדן שווערן גוף.

מיטאַמאָל אַ גלאָק נעמט קלינגען,
נעמט דער בער דערשראָקן שפּרינגען.
גיט זיך ראַפּטום אַ שטעל אויף,
קוליעס זיאַמעלען אַראָפּ.

און דער גלאָק דערווײַלע ליאַרעמט —
אויפֿן שיף אַ שלאַכט־אַליאַרעם.
און דער האָרן־שאַלער שאַלט
און ער וואָרנט אַ סיגנאַל.

האָבן גלײַך די רויטע פֿלאַטער
שנעל און בליציק זיך צעשאָטן
אָן אַ טומל, אָן אַ וואָרט
שטעלט זיך יעדער אויף זײַן אָרט.

אויפֿן שטורמאַן־בריקל זעט ער
שטייט דער קאָמאַנדיר, זײַן פֿעטער,
הייבט צום מויל דעם רופֿאָר שנעל
און ער דונערט אַ בעפֿעל:

— קאָמאנדירנ, רויטע פלאָטער,
צו די וואכטעס צוגעטראָטנ!
צו א שלאכט דעמ קרייסער גרייט,
הייבט דעמ אנקער אפנ קייט!

האָבנ הילכיק זיכ צעקלונגענ
פונעמ אנקער־קייט די רונגענ,
אונ פונ יאמ, פונ טיפסטער טיפ,
קריכט דער אנקער אפנ שיפ.

אינ די הייסע טיפע טריומענ
די מאשינענ ברילנ, ברומענ.
אונ די קוימענס, דרײַ אינ הויכ,
אינ די רוימענ שפּײַענ רויכ.

טוט א ריס זיכ באלד דער קרייסער
מיט זײַנ ריזנ גופ דעמ הייסנ.
אפנ בריקל פונעמ שיפ
קוקט דער פעטער אינ שפאקטיוו.

שרײַט דער וואכטמאנ: — אונדז אנטקעגנ
פײַנטלעכע פיר מינענ־טרעגער,
אונ אינ וועג באגלייטנ זיי
אונטערוואסער־שיפנ צוויי!

ווארפנ גלײַכ זיכ די מיניאָרנ
צו די מינענ=אפאראטנ,
די געניטע קאָמענדאָרנ
צו די פאנצער=קאזעמאטנ.

דער קאָנווייער זיי באשטאט
א גראנאט נאָכ א גראנאט.

נעמענ אפ אנ אָרט זיכ דרייענ
ביידע רייענ באטארייעס,
אונ עס הייבט זיכ שטאמ נאָכ שטאמ
צילעווענ זיכ אפנ יאמ.

די זעניטלער די געניטע,
פונ זעניט די שטרענגע היטער,
הייבנ הויכ די רערנ אופ,
צילעווענ זיכ אינ דער לופט.

בא די מעכטיקע הארמאטנ
שטייענ גרייטע די גראנאטנ,
אונ די יאטנ באמ קאנאל
טשאטעווענ אפ א סיגנאל.

פלוצלינג פלאצט אופ א ראקעטע:
— פײַער! פײַער! — שרײַט דער פעטער,
און אינ לופט צעשפאלט זיך באלד
א צענדונערדיקער קנאל.

זעצט א פײַערדיקער שטורעמ
פונ די באטארייענ=טורעמס.
די זעניט=געווער אינ הויך
שפײַענ שטאָל און פײַער=רויך.

און עס שאלנ דונער=קנאלנ
גלײַך דער הימל וואָלט צעפאלנ,
און עס ברויזט א גרויסע שלאכט—
בא=בא=באך און בא=בא=באך!!

זעט ער, זיאמע, אפנ יאמ איז
פײַער-רויך און רויטע פלאמענ,
און אינ כוואליקנ גערויש
וואקסנ וואסער=זײַלנ אויס. —

זעט ער, זיאמע, ווי אינ טיפנ
זינקענ שוינ דעמ סוינעס שיפנ.
ווערט ער, זיאמע, שטארק אנטציקט,
ער צעפלאמט זיך אזש פונ גליק.

לויפט ער צו די באטארייען,
ווו די קאָמענדאָרן שטייען:
— גיט מיר אויכעט א הארמאט,
כ׳וועל אים טרעפן אקוראט!

און ער טוט א צי דעם שלאָס,
טוט א קנאל און טוט א שאָס,
אזש עס פראלט זיך אופ זײַן רעקל
און ער טוט א פלי אוועקעט.
און עס פליט זײַן היטל אויך,
ווי א פויגל אין דער הויך.

און ער שרײַט אין יאם צום סוינע:
— נא דיר, סוינע דו געמיינער!
פארגעדענק אצינד אפ לאנג,
ווי צו גיין אפ אונדזער לאנד!

מיטאמאָל האָט מיט א קוויטשען
א סירענע זיך צעריטשעט
און עס טוט דער גלאָק א בראזג: —
„טוט אָן מאסקעס קעגן גאז!"

שרײַט דער באָצמאַנ: — ס'האָט א מינע
אופגעריסנ לעמ מאשינע,
דורכנ ריס דאָס וואסער רינט,
פערטע וואכטע, ראש אהינ!

לויפנ צענ מאטראָסנ האסטיק,
שלעפנ טראָסנ מיט א פלאסטער;
פלינק פארציִענ זיי דעמ שפאלט,
אונ דאָס וואסער מע פארהאלט.

אפנ אויבערדעק דערווײַלע
גייט די שלאכט, ווי פריִער אײַליק.
פינקטלעכ, רויִק, אָנ געדויש
יעדערער זײַנ פליכט פילט אויס.

מיט א גרילצערײַ פונ גרילנ
פליט דעמ פײַנטס אנ עסקאדרילע.
הייבנ זיכ פונ שיפ גלײַכ אופ
צענ פארניכטלער אינ דער לופט.

גיבנ זיי א יאָג אינ הויכנ
אונ מיט זיי פליט זאמע אויכעט.
ס'האָט זײַנ כאוועד, דער פילאָט,
אימ פארטרויט דעמ פוליעמיאָט.

אין דער לופט די פײַנט באַגעגנט
צאַמט זיי זיאַמעלע די וועגן.
ער באַפאַלט זיי און צעשיסט
און צעשפּאַלט זיי ווי די ניס.

און דעם סוינעס ערראָפּלאַנען,
אײַנגעהילט אין רויך און פלאַמען,
מיט אַ קנאַל זיך רײַסן אויף
און צעפאַלן אין דער לופט.

נאָך אַזאַ מין שלאַכט אַ הייסער
נידערט זיאַמע אַפן קרייסער.
דריקט אים יעדערער די האַנט,
מע באַגריסט אים נאָכאַנאַנד.

שרײַט צו זיאַמעלען דער פעטער:
— האָסט, מײַן פרײַנט, דעם פײַנט צעשמעטערט,
אים פאַרניכט אין פלאַם און רויך —
אַפן יאַם און אין דער הויך!

פאַר דער דרייסטקײַט פאַר דער גרויסער
כ׳דריק אַ הייסן דאַנק דיר אויסעט,
און פאַר אַלעמען איך מעלד,
ביסט, מײַן זיאַמעלע, אַ העלד.

און באַשטימט האָב איך באַלוינען
דיך מיט וואָס דו ווילסט אַליין נאָר.
זאָג זשע, זיאַמע, אומגעשטערט,
וואָס איז, ברודער, דײַן באַגער?!

ענטפערט זיאַמע זייער ערנסט:
— כ׳וויל אַ רויטער יאַמער ווערן.
איך וויל זײַן אַ מאַשיניסט,
אַ ראַדיסט, אַ מאָטאָריסט.

בײַ די מינען־אַפּאַראַטן,
בײַ די מעכטיקע האַרמאַטן
וויל איך ווערן אַ מיניאָר,
אַ געניטער קאָמענדאָר.

אויפן האָרן וויל איך שאַלן,
הויכע וואָרענען סיגנאַלן,
זײַן אַ שטורמאַן אויפן שיף,
שטיין בײַם שטורוואַל בײַם שפּאַקטיוו.

זײַן אַ באָצמאַן וואָלט איך וועלן,
זײַן אַ וואַכטמאַן אויף דער וואַכטע,
קענען אָפּגעבן באַפעלן,
זײַן דער אָנפירער אין שלאַכטן.

איך וואָלט וועלן גלײַך מיט דיר
זײַן א רויטער קאָמאַנדיר!

זאָגט דער פעטער מיט א שמייכל:
— ווײסט דאָס אַלץ, מײַן פרײַנט, דערגרייכן,
אויב דו ווײסט נאָר מיט געדולד
גיין זיך לערנען אין אַ שול.

ענטפערט זיאַמעלע דערפרייט:
— גיין זיך לערנען בין איך גרייט.
כאָטש א יאָר און דרײַ און פיר,
אבי זײַן א קאָמאַנדיר!

שיקט גלײַך זיאַמעלע הער מאַמען
אָט אַזאַ מין טעלעגראַמע:
„איך, דײַן זיאַמעלע, דײַן זון,
ווינטש דער מאַמע זײַן געזונט.

איך וואָלט וועלן זען דיך גערן,
נאָר איך פיל אויס דײַן פאַרלאַנג —
איך פאָר לערנען, איך וועל ווערן
לייטענאַנט פון ערשטן ראַנג".

פאַרן פּאָרנ הייבט מען אָנעט
טראָגנ זיאמעלענ מאַטאָנעס;
ס׳קומט־דער שטורמאַנ פונ דער שיפ
ברענגט א קאָמפּאַס, א שפּאַקטיוו.

ס׳ברענגט דער וואַכטמאַנ א מאַטאָנע
אימ א ביקסל מיט פּאַטראָנעס,
אונ דער קאָכער אפ א טאַצ
ברענגט א טאָרט אימ ווי א פּאַס.

לויפט דער באָצמאַנ דער געניטער,
ברענגט א פּלאָטישנ גאַרניטער,
א מאַטראָסקעלע א העלע
אונ א לייבל פונ פלאַנעלע.

שוואַרצע הויזנ, א בושלאַט —
אלצ זעט אויסעט אזוי גלאַט.

אפ די אַרבל רויטע אַנקערס,
אונ די קנעפּ די ברייטע בלאַנקענ,
אונ פונ היטל הענגענ צוויי
שמאָלע סטענגעלעכ צעווייט.

טוט דער פעטער א באפעל:
מ'ע זאָל גרייטן א פאראד
און באגלייטן ווי א-העלד
זיאמען אוש קיין לענינגראד.

האָבן גלייך זיך אופגעזאמלט
די מאטראָסן אפן דעק,
זיך געזעגענען מיט זיאמען
און באגלייטן אים אין וועג.

און עס כאַפּן אים באלד אונטער
א פּאָר הונדערט הענט געזונטע,
און אים הייבן אלע אופ
און מע הוידעט אין דער לופט.

הוידע=הינדע!
הוידעט ברידער,
הויך און נידער,
הויך און נידער,

הוידע=הינדע!
שפּרינגט ער האסטיק —
אָט דערגרייכט ער
ביז די מאסטן,

ביז די וואָלקנס אָט דערפליט ער.
האָט דאָס הארצ
אימ אוש פארציטערט...

כאפט זיכ זיאמע אופ פונ שלאָפ —
און עס קומט צו אלצ א סאָפ.

Я. ЗЕЛЬДИН
ЗЯМЕЛЕ МАТРОС
Рисунки худ. Г. Ингер

Редактор А. Кушниров
Техредактор М. Погостер
Корректора М. Карпинович
и А. Цылов.
Сдано в набор 12/X-1940 г.
Подписано к печ. 26/XI-1940 г.
Формат бум. 59x84 1/16. 2.5 п. л.
1 3/4 уч. изд. л. Тираж 8000 экз.
А-31028. „Лер Эмес" № 457.
Заказ тип. № 41

Гос. тип. № 4, Вильнюс,
Рудницкая 2. Тел. 18-63
Полиграфтрест ЛССР

Цена 1 р. 50 коп

Я. ЗЕЛЬДИН

ЗЯМЕЛЕ МАТРОС

Гос. издательство
„ДЕР-ЭМЕС“
1 9 4 1

13/11001